בס״ד

# עונג שבת

## פרשת חיי שרה תשע״ד

גוט שבת אלע אידן. רב גלוקאסקי ע״ה (זיין עכטע נאמען) א ליובאוויטשער חסיד, איז געווען פון די גרעסטער מקרבי רחוקים אין טוראנטו. איין דאנערשטאג נאכט, האט ר׳ גלוקאסקי באקומען א טעלעפאן קאל פון א איד וואס ער האט נישט געקענט פאר דעם. יענער איד האט געוויינט אויפן טעלעפאן דערציילענדיג צו רב גלוקאסקי דעם טרויעריגע מעשה פון זיין זון ל״ע. יענער איד, וואס איז אפילו נישט געווען פרום, האט דערציילט ווי זיין זון ״שעלדון״ איז נעבאך ארייינגעכאפט געווארן אין א כת (קולט) פון א באקאנטע עבודה זרה פון אינדיע, רח״ל. דארט אין יענע פארשאלטענע כת פון ע״ז האט מען ״באיינפלוסט״ דעם בחור׳ס מח. זיי האבן אים אויך אויסגעלערנט אלע ״סודות״ פון יענע עבודה זרה פון אינדיע למשל ווי אזוי צו ״היילן״ מענטשן מיט די האנט מיט דעם כח הטומאה.

רב גלוקאסקי האט אויסגעהערט דעם צובראכענעם טאטען. אבער מער ווי אויסהערן האט רב גלוקאסקי נישט געוואוסט וואס ער האט געקענט טון פאר אים, ווייל ער האט נישט געהאט קיין עקספיריענס מיט אזעלכע מצבים, ד״ה ער האט נישט געוואוסט ווי אזוי צו ראטעווען יענעם זון פון דעם כת. ביים כת האבן זיי געהאלטן דעם איד׳ס זון אזוי ווי אין תפיסה. בקיצור, האט רב גלוקאסקי אים אויסגעהערט און דאן האט ער געזאגט צום טאטען פונעם קינד אז עס טוט אים טאקע זייער שטארק וויי, אבער ער ווייסט נישט טאקע וואס ער קען טון.

דער טאטע האט רב גלוקאסקי אבער נישט אזוי שנעל אפגעלאזט, נאר ער האט שטארק געבעטן נאכאמאל און נאכאמאל ער זאל עפעס טון פאר זיין ״פארלוירענע״ זון ״שעלדון״. סוף כל סוף, האט רב גלוקאסקי מסכים געווען צו פרובירן צו העלפן דעם מצב.

דעם נעקסטען טאג ערב שבת איז רב גלוקאסקי ארויסגעפארן צו דעם הויז ווי זיי האבן געהאלטן דעם געפאנגענע אידישע נשמה. רב גלוקאסקי איז געגאנגען צום טיר און ער האט געקלאפט אויף עס עטליכע מאל, אבער קיינער האט נישט געענטפערט. ער האט געקלאפט און געקלאפט און געקלאפט פאר צען מינוט, אבער קיינער איז נישט געקומען צום טיר. ענטליך, האט איינער גערופן פון הינטער דעם טיר ״ווער איז דארט?״

״איך הייס ראביי גלוקאסקי, איך בין געקומען פאר שעלדון. איז וויל רעדן מיט אים.״ האט רב גלוקאסקי געזאגט.

״איין מינוט,״ איז געווען די תשובה. באלד דערנאך איז געקומען צום טיר דעם בחור שעלדון. שעלדון איז געווען אנגעטון מיט די קליידער פון דעם געוויסע עבודה זרה פון אינדיע, און זיין קאפ איז אינגאנצען אפגעשארן געווארן חוץ פון א לאנגע ״פוני.״ רב גלוקאסקי האט אים געזאגט אז זיין טאטע זארגט זיך וועגן אים. רב גלוקאסקי האט געזאגט וויי‌טער אז לכאורה וועט עס נישט זיין גענוג פאר רב גלוקאסקי צו רופן שעלדון׳ס טאטען אים צו לאזן וויסן אז זיין זון איז בסדר. נאר, האט דער רב צוגערעדט צום בחור, אז טאמער שעלדון וועט קומען צו אים אויף שבת קודש, וועט דער טאטע זיין בארוהיגט. נו... נאך א לאנגע צייט בעטן, האט דער רב איבערגערעדט דעם בחור און ער האט ב״ה מסכים געווען צו קומען אויף שבת!

דער רב האט גארנישט געפרעשערט דעם בחור אפילו צו גיין אין שול. דער רב האט געלייגט דעם דגש אויף די שבת סעודות, האפענדיג אז דאס גוטע עסן מיט די דברי תורה, מיט די זמירות וועט אויפוועקן דעם בחור. דער רב האט פרובירט צו מאכן די שענסטע שבת סעודה. ער האט אלעס געטון צו מאכן באקוועם פארן בחור. אבער ער האט געמיינט אז גארנישט האט אויפגעטון. דער בחור שעלדון איז געזיצן דארט אזוי ווי א שטיין. שעלדון האט גארנישט גערעדט ביי דער סעודה, און מען האט גארנישט געזען אויף אים אז עס האט עפעס משפיע געווען אויף אים דער סעודה.

נאך דער סעודה האט זיך געענדיגט, האט דער רב אנגעוואונטשן גוט שבת און דערנאך האט יעדער איינער זיך געלייגט שלאפן. אינמיטן די נאכט האט רב גלוקאסקי זיך אויפגעוועקט ווייל ער האט געהערט עפעס א גרודער אין דער הויז. ער איז נאכגעגאנגען דעם גרודער און ער איז אנגעקומען צו דעם גאסט–שטוב. ער האט געעפענט דעם טיר אביסל און ער איז איבערראשט געווארן צו זען וואס ער האט געטראפן: דער גאסט איז געזיצן אויפן קארפעט און ער האט געדאווענט צו א קליינע געטשקע!

דער רב איז אויפגערעגט געווארן און ער האט געוואלט גלייך צוווארפן דעם געטשקע און ארויסווארפן דעם בחור פון זיין הויז, אפילו עס איז געווען שבת. אבער, עפעס אין אים האט אים צוריקגעהאלטן. ער האט גארנישט געשרייט, נאר האט ער גענומען א בענקל און ער האט זיך אראפגעזעצט לעבן דעם בחור און ער האט אנגעהויבן רעדן מיט אים. דער רב האט נישט געוואלט לאזן דעם גאסט אליינס פאר אפילו איין רגע, כדי אים צוריקצוהאלטן פון דינען זיין געטשקע אין זיין הויז. און אזוי איז דורכגעגאנגען די גאנצע ליל שבת. דער רב האט געשמועסט מיט שעלדון וועגן אלע מיני זאכן אין וועלט, לאו דווקא דברי תורה. רב גלוקאסקי האט גארנישט גערעדט קעגען דער עבודה זרה וכו׳. שבת ביי טאג זענען זיי ביידע געווען ״טויט״ מיד פון נישט שלאפן די גאנצע נאכט. שבת ביי טאג נאך די סעודה זענען ביידע געגאנגען זיך אראפלייגן, און ב״ה האט דער גאסט גארנישט געדינט זיין געטשקע אין דער הויז. מוצאי שבת איז שעלדון אהיימגעגאנגען ליידער צו דעם הויז פון יענע עבודה זרה.

דער רב האט נישט געהאלטן קיין קאנטאקט מיט דעם בחור, און ער האט נישט געוואוסט וואס איז געווארן מיט אים. יארן שפעטער איז דער רב גלוקאסקי ליידער נפטר געווארן. ביי די שבעה זענען געקומען אלע סארט מענטשן צו דערציילן זייערע מעשיות ווי אזוי דער רב ע״ה האט משפיעה געווען אויף זייערע לעבן. איין טאג אין די שבעה איז אריינגעקומען א יונגערמאן. דער יונגערמאן האט זיך פארגעשטעלט צו די בני משפחה און ער האט זיי דערציילט ווי אזוי ער איז געקומען צו זייער הויז אסאך יארן פריער אויף א שבת, אבער דעמאלט האט ער אויסגעקוקט אנדערש, ווייל דעמאלט האט ער געטראגן א ״פוני״ און דער קלייד פון א גלח פון א עבודה זרה! הפלא ופלא, יענער בחור שעלדון וואס האט געדינט ע״ה אין זייער הויז איז געווארן א בעל תשובה!

עס שטייט אין די פרשה אז ווען אז אברהם ע״ה איז אלט געווארן, האט ער פארשיקט די קינדער פון זיין פלגש און ״נתן אברהם מתנות וכו.״ פרעגט דער הייליגער זוהר: וועלכע מתנות האט אברהם אבינו ע״ה געגעבן פאר זיי? דער זוהר איז מסביר אז אברהם אבינו ע״ה האט געגעבן פאר יענע קינדער די ״שמות״ פון די כוחות הטומאה און ער האט זיי פארשיקט צו די מזרח זייט פון די וועלט ד״ה אינדיע און טשיינע וואס זענען פלעצער וואס זענען פיל מיט כישוף און עבודה זרה. אברהם אבינו ע״ה האט געוואלט אפטיילן פון זיין הייליג קינד יצחק די אנדערע קינדער להבדיל וואס זענען געווען טמאים. עד כאן הזוהר.

אינטערעסאנט אז דער זוהר ברענגט אראפ דא דער מקור פון א מציאות וואס מען זעט היינט. ד״ה די מזרח זייט פון די וועלט למשל אינדיע און טשיינע זענען די מקורות פון ע״ז אין די וועלט. ב״ה אז די חכמים האבן מבטל געווען די יצר צו דינען עבודה זרה. אבער אזוי ווי מען האט געזען מיט דעם מעשה מיט דעם בחור שעלדון, אידן זענען ליידער נאכאלץ ארייינגעכאפט אין דיעות ע״ז פון אינדיע וכו׳.

דער אייבערשטער זאל אונז, די קינדער פון יצחק אבינו ע״ה, אפהיטן פון די אלע דיעות כוזבות וואס זענען שייך צו די קינדער פון קטורה. דורך דעם וואס מען איז מקפיד נישט צו לאזן אונזער בני משפחה האבן שייכות מיט קיין שיטות סיי אין רפואה עניינים זיי אין חינוך וואס זענען במקורם פון אינדיע און טשיינע, וועלן מיר אלע זוכה זיין צו טאקע ירשענען די השפעות טובת פון קדושה וואס אברהם אבינו ע״ה האט איבערגעבען דווקא פאר די אייניקלאך פון יצחק אבינו ע״ה. **גוט שבת אלע אידן.**


מזל טוב לכ״ק מרן אדמו״ר שליט״א ולמחותנים לרגל שמחת נשואי נכדתו בשעטומ״צ

לע״נ ר׳ יעקב בן ר׳ נפתלי ע״ה :: לע״נ ר׳ יצחק בן ר׳ שמעון ע״ה :: נא לעיין בגליונות אחר התפילה ולא באמצע, כדי לזכות ולא להכשיל

לנדב גליון זה לרגל שמחה או אירוע אחר, נא להתקשר למתתי׳ וואלפבערג 3234–362 (845)